**פראגע #1: עלעקשאנס**

דער פארשלאג וועט מאכן עטליכע אמענדמענטס צו די סיטי טשארטער פארבינדן מיט עלעקשאנס פאר סיטי אפיסעס.

**רענקד אויסוואל וויילונג.** יעצט, ווערן עלעקשאנס פון רוב סיטי אפיסעס אנגעפירט נוצענדיג א טראדיציאנאלע פלוראליטי, אדער "פירסט פעסט די פאוסט", סיסטעם אין וועלכער דער קאנדידאט וואס באקומט די מערסטע שטימען געווינט, אפגעזען פון די פראצענט פון די שטימען וואס דער קאנדידאט האט באקומען, אריינגערעכנט ווען א קאנדידאט באקומט ווייניגער פון א מערהייט פון די שטימען וואס וואס ווערן אפגעגעבן. אין די פריימערי עלעקשאנס פאר די דריי סיטיווייד אפיסעס (מעיאר, פובליק אדוואקאט, און קאמפטראלער), און אין ספעציעלע עלעקשאנס פאר מעיאר, אויב קיין איין קאנדידאט באקומט נישט אמווייניגסטנס 40% פון די שטימען, ווערט אפגעהאלטן א באזונדערע ראנאף עלעקשאן אויף א שפעטערדיגן דאטום צווישן די צוויי קאנדידאטן וואס האבן באקומען די מערסטע שטימען.

די פארגעשלאגענע טשארטער אמענדמענט וועט איינפירן רענקד אויסוואל וויילונג, אויך באוואוסט אלס אינסטענט ראנאף וואוטינג, אין פריימערי און ספעציעלע עלעקשאנס פאר מעיאר, פובליק אדוואקאט, קאמפטראלער, בארא פרעזידענט, און סיטי קאונסיל מעמבער. ווילער וועלן קענען שטעלן אין ראנג לויטן סדר ווי זיי בעפארצוגן ביז פינף קאנדידאטן, אריינגערעכנט א שרייב-אריין קאנדידאט. אויב קיין איין קאנדידאט ערהאלט נישט קיין מערהייט פון די ערשטע-אויסוואל שטימען, וועט דער קאנדידאט מיט די ווייניגסטע צאל פון ערשטע אויסוואל שטימען ווערן עלימינירט און די ווילער וואס האבן געוועלט פאר דעם קאנדידאט וועלן זייערע שטימען ווערן אריבערגעפירט צו זייער איסגעקליבענע צווייטע-אויסוואל קאנדידאט. די פראצעדור וועט זיך איבערשפילן ביז ווילאנג צוויי קאנדידאטן פארבלייבן, און דער קאנדידאט מיט די מערסטע שטימען ביי דעם פונקט וועט געווינען די עלעקשאן. איינפירן רענקד אויסוואל וויילונג פאר די אפיסעס אין פריימעריס און ספעציעלע עלעקשאנס וועט עלימינירן די געברויך פאר באזונדערע ראנאף עלעקשאנס אויף א שפעטערדיגע דאטום. רענקד אויסוואל וויילונג וועט נישט זיין נוגע פאר די אלגעמיינע וואלן, וואס וועט פארבלייבן אומגעטוישט און נוצן די טראדיציאנאלע פלוראליטי מעטאד פון "פירסט פעסט די פאוסט". אונטער דעם פארגעשלאגענע אמענדמענט וועט ווערן פארלאנגט פון די סיטי אנצופירן א ווילער עדיוקעישאן קאמפיין צו מאכן ווילער באקאנט מיט רענקד אויסוואל וויילונג.

די פארגעשלאגענע אמענדמענט וועט זיין נוגע פאר אלע פריימעריס און ספעציעלע עלעקשאן פאר מעיאר, פובליק אדוואקאט, קאמפטראלער, בארא פרעזידענט, און סיטי קאונסיל מעמבער וואס קומען פאר אויף אדער נאך יאנואר 1, 2021.

**צייטן פון ספעציעלע עלעקשאנס.** יעצט, ווען די אפיס פון די פובליק אדוואקאט, קאמפטראלער, בארא פרעזידענט, אדער סיטי קאונסיל מעמבער ווערט ליידיג דורכאויס א טערמין, ווערט געווענליך אפגעהאלטן א נאנפארטיסאן ספעציעלע עלעקשאן אומגעפער 45 טעג שפעטער אנצופילן דעם אפיס אויף א צייטווייליגע באזיס. ווען די אפיס פון דעם מעיאר ווערט ליידיג, ווערט געווענליך אפגעהאלטן א ספעציעלע עלעקשאן אומגעפער 60 טעג שפעטער. די פארגעשלאגענע טשארטער אמענדמענט וואלט פארלענגערט דעם צייט פעריאד אפצוהאלטן א ספעציעלע עלעקשאן צו 80 פאר יעדע פון די אפיסעס כדי צו געבן מער צייט פאר די באורד אוו עלעקשאנס אפצושיקן שטים-צעטלעך מיט די פאסט צו מיליטערישע ווילער און פאר ווילער איבערן ים.

די פארגעשלאגענע אמענדמענט וואלט אריינגעאנגען אין קראפט זאפארט.

**צייטן פון רידיסטריקטינג.** סיטי קאונסיל דיסטריקט גרעניצן ווערן איבערגעשריבן יעדע צען יאר אפצושפיגלען ענדערונגען אין פאפולאציע לויט ווי געוויזן און די לעצטע יונייטעד סטעיטס צענזוס. די פראצעדור ווערט אפט פאררופן אלס "רידיסטריקטינג." רידיסטריקטינג ווערט אויסגעפירט דורך א דיסטריקטינג קאמיסיע וואס ווערט געשטעלט דורכן מעיאר און די סיטי קאונסיל און נעמט אריין דאס אפהאלטן עפנטליכע הירינגס און צוזוגרייטן א נייע סיטי קאונסיל דיסטריקט מאפע. אונטער די יעצטיגע טשארטער, וועט זיך די קומענדיגע רידיסטריקטינג פראצעדור אנהייבן אינמיטן 2022 און וואלט זיך געענדיגט און מערץ 2023. אבער, ניו יארק סטעיט האט לעצטענס דורכגעפירט א געזעץ וואס האט גערוקט די סיטי'ס פריימערי עלעקשאנס פון סעפטעמבער צו יוני; אלס רעזולטאט, וועלן סיטי קאונסיל קאנדידאטן אנהייבן זאמלען

אונטערשריפטן אויף נאמינירונג פעטיציעס צו ערשיינען אויף די פריימערי עלעקשאן שטים-צעטל בעפאר די רידיסטריקטינג איז פארענדיגט. אין אנדערע ווערטער, סיטי קאונסיל קאנדידאטן וועלן דארפן שאפן אונטערשריפטן פון דיסטריקט איינוואוינער, אבער זיי וואלטן נישט געוואוסט די גרעניצן פון זייערע דיסטריקטס. די פארגעשלאגענע אמענדמענט מאכט די רידיסטריקטינג פראצעדור טיימליין קורצער אזוי אז די גרעניצן וועלן ווערן באשטימט בעפאר די סיטי קאונסיל קאנדידאט פעטיציע פעריאד הויבט זיך אן .

די פארגעשלאגענע אמענדמענט וואלט אריינגעאנגען אין קראפט זאפארט כדי עס זאל זיין נוגע פאר די קומענדיגע רידיסטריקטינג פראצעדור.

**פראגע #2: ציווילע קלאגע איבערזיכט באורד**

די פארשלאג וועט מאכן עטליכע אמענדמענטס צו די סיטי טשארטער פארבינדן מיטן ציווילע קלאגע איבערזיכט באורד (CCRB).

די CCRB טוט אויספארשן און לייזן קלאגעס דורך די פובליק קעגן פאליציי אפיצירן וואס נעמט אריין איבערגעטריבענע באנוץ פון מאכט, מיסבאנוץ פון אויטאריטעט, דיסקאורטעסי, אדער די באנוץ פון מיאוסע שפראך. אין מערסטנס פעלער, מאכט די CCRB דיסציפלין רעקאמענדאציעס דירעקט צו די פאליציי דעפארטמענט. אין מער ערנסטע פעלער, אונטער אן אפמאך מיט די פאליציי דעפארטמענט, טוט די CCRB אנקלאגן דעם אפיציר דירעקט אין אן אדמיניסטראטיווע טרייעל וואס ווערט אנגעפירט דורך א פאליציי דעפארטמענט באאמטער. אין אלע פעלער, ליגט די ענדגילטיגע דיסציפלין אויטאריטעט אין די הענט פון די פאליציי קאמישאנער.

**סטרוקטור פון די ציווילע קלאגע איבערזיכט באורד.** יעצט, טוט די CCRB באשטיין פון 13 מיטגלידער באשטימט דורך דעם מעיאר. די סיטי קאונסיל נאמינירט 5 מיטגלידער. די פאליציי קאמישאנער נאמינירט דריי. און די פארבליבענע פינף מיטגלידער ווערן געקליבן אליינס דורכן מעיאר. דער מעיאר קלויבט אויך איין מיטגליד צו דינען אלס פארזיצער. די פארגעשלאגענע אמענדמענט וואלט אויסגעברייטערט CCRB מיטן צולייגן צוויי נייע מיטגלידער: איין מיטגליד געשטעלט דורכן פובליק אדוואקאט און איין מיטגליד געמיינזאם געשטעלט דורכן מעיאר און די ספיקער פון די סיטי קאונסיל צו דינען אלס פארזיצער. סיי ווען די פאזיציע פון פארזיצער איז ליידיג, וועט דער מעיאר שטעלן א ציטווייליגע פארזיצער פון די עקזיסטירנדע באורד מיטגלידער. די אמענדמענט וואלט אויך איינגעפירט אז די סיטי קאונסיל זאל דירעקט באשטימען די מיטגלידער אנשטאט בלויז זיי צו נאמינירן און וועט פארלאנגען אז ליידיגע זיצן זאלן ווערן אנגעפילט ביז 60 טעג.

די פארגעשלאגענע אמענדמענט וואלט ארייגעגאנגען אין קראפט אין מערץ 31, 2020, אויסער אויב די טערמינען פון די צוויי נייע מיטגלידער וואלטן זיך אנגעהויבן אום יולי 6, 2020.

**באשיצטע CCRB בודזשעט.** CCRB'ס בודזשעט ווערט באשטימט דורך דעם מעיאר און די סיטי קאונסיל יעדעס יאר. אנגעהויבן אין פיסקעל יאר 2021, וואלט די פארגעשלאגענע טשארטער אמענדמענט פארלאנגט אז CCRB'ס פערזענליכע בודזשעט זאל זיין גענוג הויך צו שטיצן א שטאב מאס גלייך צו 0.65% פון די בודזשעטירטע נומער פון פאליציי אפיצירן אין מונדירן, אויסער אויב דער מעיאר באשטימט אז די פיסקאל וויכטיגקייט פארלאנגט א קלענערע בודזשעט.

**אוועקנויגונג פון דיסציפלינירנדע רעקאמענדאציעס.** יעצט, אויב די CCRB רעקאמענדירט אז א פאליציי אפיציר זאל ווערן דיסציפלינירט, מוז די פאליציי קאמישאנער באריכטן צו די CCRB איבער שריט וואס מען האט גענומען בנוגע דעם אפיציר. אבער די באריכטן מוזן נישט אנטהאלטן אדער ערקלערן די שטראף וואס איז געווארן ארויפגעלייגט. פאר די מער ערנסטע קעיסעס וואס ווערן אנגעקלאגט דירעקט דורך די CCRB אין אן אדמיניסטראטיווע טרייעל אנגעפירט דורך א פאליציי דעפארטמענט באאמטער, מוז די קאמישאנער איינמעלדן די CCRB בעפארן ארויפשטעלן א דיסציפלין וואס איז שוואכער ווי דאס וואס איז רעקאמענדירט דורך די CCRB אדער די באאמטער וואס פירט אן. די מעלדונגען מוזן ערקלערן פונקטליך דעם קאמישאנער'ס סיבות פאר'ן אפנויגן פון די רעקאמענדירטע דיסציפלין און ווערן אפט גערופן "וואריאנס מעמאראנדא."

אונטער די פארגעשלאגענע טשארטער אמענדמענט, אויב די CCRB רעקאמענדירט אז א פאליציי אפיציר זאל ווערן דיסציפלינירט, וואלט די פאליציי קאמישאנער'ס באריכט צו די CCRB געדארפט ארויסשרייבן סיי וועלכע דיסציפלין אדער שטראפן וואס זענען געווארן ארויפגעשטעלט. ווייטער, אויב די פאליציי קאמישאנער נויגט אפ פון וואס די CCRB רעקאמענדירט (אדער וואס די פאליציי דעפארטמענט איינגעשטעלטער רעקאמענדירט נאך אן אדמיניסטראטיווע טרייעל), דאן דארף ער אדער זי צושטעלן א דעטאלירטע ערקלערונג פון די סיבות פונעם אפנויג. און, אויב די דיסציפלין וואס איז געווארן ארויפגעשטעלט איז שוואכער ווי דאס וואס איז געווארן רעקאמענדירט, מוז די ערקלערונג צייגן וויאזוי די פאליציי קאמישאנער איז אנגעקומען צו די באשלוס און אויסרעכענען יעדע פאקטאר וואס ער אדער זי האט גענומען אין באטראכט. די ערקלערונג וואלט געדארפט צו ווערן צוגעשטעלט ביז 45 טעג נאכדעם וואס די דיסציפלין ווערט ארויפגעשטעלט (סיידן ווען א קורצערער צייט אפשניט ווערט אפגעמאכט צווישן דעם פאליציי

קאמישאנער און CCRB).

די פארגעשלאגענע אמענדמענט וואלט אריינגעאנגען אין קראפט זאפארט.

**פאלשע אפיציעלע סטעיטמענטס אין CCRB אנגעלעגענהייטן.** יעצט, אויב די CCRB האט סיבות צו גלייבן אז א פאליציי אפיציר האט געמאכט א פאלשע סטעיטמענט דורכאויס די סעסיע פון א CCRB אויספארשונג, טוט די CCRB רעפערירן די אנגעלעגענהייט צו די פאליציי דעפארטמענט פאר ווייטערדיגע אויספארשונגען און מעגליכע דיסציפלינירנדע אקציעס און די CCRB נעמט נישט קיין שום ווייטערדיגע אייגענע אקציעס. די פארגעשלאגענע טשארטער אמענדמענט וואלט ערלויבט די CCRB צו אויספארשן, הערן און מאכן געפינסן, און רעקאמענדירן דיסציפלין בנוגע די ווארהייט פון סיי וועלכע באדייטנדע אפיציעלע סטעיטמענט געמאכט דורך אן אפיציר וואס איז די טעמע פון א CCRB קלאגע אויב די סטעיטמענט איז געמאכט געווארן דורכאויס א סעסיע פון און אין פארבינדונג מיט די CCRB'ס שליכטונג פון די קלאגע.

די פארגעשלאגענע אמענדמענט וואלט אריינגעאנגען אין קראפט אין מערץ 31, 2020.

**דעלעגעישאן פון סובפינע מאכט.** יעצט, טוט די טשארטער געבן די מאכט פאר די CCRB ארויסצוגעבן סובפינעס צו פארלאנגען אז עדות זאלן איבערגעבן זייער עדות'שאפט אדער צושטעלן רעקארדס צו העלפן מיט די אויספארשונגען. די סובפינעס קענען ווערן ארויסגעגעבן בלויז אויב א מערהייט פון די CCRB'ס באורד טוט עס באשטעטיגן. די פארגעשלאגענע טשארטער אמענדמענט וואלט ערלויבט די CCRB צו אויטאריזירן איר עקזעקיוטיוו דירעקטער ארויסצוגעבן די סובפינעס און צו זוכן אינפארסירונג פאר די סובפינעס אין געריכט אויב עס פעלט זיך אויס. CCRB וואלט געקענט מאכן אדער צוריקציען די אויטאריזאציע מיט א מערהייט שטימען פון אירע באורד מיטגלידער.

די פארגעשלאגענע אמענדמענט וואלט אריינגעאנגען אין קראפט אום מערץ 31, 2020.

## פראגע 3#: עטיקס און גאווערנענס

דער פארשלאג וואלט געמאכט עטליכע אמענדמענטס צו די סיטי טשארטער ווי ערקלערט ווייטער.

**נאך-עמפלוימענט ערשיינונג פארבאט פאר ערוויילטע באאמטע און סעניאר באשטימטע באאמטע.** געוועזענע סיטי ארבייטער און ערוויילטע באאמטע זענען געווענליך נישט ערלויבט צו קאמיוניקירן מיט די אגענטור, אדער און געוויסע פעלער די אפטיילונג פון רעגירונג, וואו זיי האבן געארבעט. דער פארבאט האלט אן פאר איין יאר נאכפאלגענדיג די ענדע פון זייער עמפלוימענט. די פארגעשלאגענע טשארטער אמענדמענט וואלט פארלענגערט די פארבאט צו צוויי יאר פאר ערוויילטע באאמטע, דעפיוטי מעיארס, אגענטור הויפטן, באצאלטע מיטגלידער פון באורדס און קאמיסיעס, און דער עקזעקיוטיוו דירעקטאר העכסט ראנגיגער פובליק סערוואנט פון א באורד אדער קאמיסיע.

די פארגעשלאגענע אמענדמענט וואלט אריינגעגאנגען אין קראפט אין יאנואר 1, 2020 און וואלט געווען נוגע פאר פובליק סערוואנטס וואס פארלאזן סיטי עמפלוימענט נאך דעם דאטום.

**קאנפליקט אוו אינטערעסט באורד סטרוקטור.** די קאנפליקט אוו אינטערעסט באורד (COIB) איז באאויפטראגט מיט'ן אינפארסירן און אויסטייטשן די עטיקס געזעצן און פארשריפטן בנוגע פובליק סערוואנטס, אריינגערעכנט פארשריפטן בנוגע דרויסענדיגע עמפלוימענט, וואלונטירונג, געשאנקען, פאליטישע אקטיוויטעטן, מיסבאנוץ פון פאזיציע, און נאך-עמפלוימענט באגרעניצונגען.

יעצט, האט COIB פינף באורד מיטגלידער, אלע וועלכע זענען געשטעלט דורכ'ן מעיאר פאר זעקס-יעריגע טערמינען מיט די ראט און צושטימונג פון די סיטי קאונסיל. די פארגעשלאגענע אמענדמענט וואלט ערזעצט די צוויי מיטגלידער וועמענס טערמינען לויפן אויס אין מערץ 31, 2022 מיט איין מיטגליד געשטעלט דורכן קאמפטראלער און איין מיטגליד געשטעלט דורך דעם פובליק אדוואקאט. די אמענדמענט וואלט אויך פארלאנגט אז באורד באשלוסן דארפן ווערן באשטעטיגט דורך אמווייניגסטנס דריי מיטגלידער (א מערהייט), אנשטאט בלויז צוויי מיטגלידער.

די פארגעשלאגענע אמענדמענט וואלט אריינגעגאנגען אין קראפט זאפארט.

**פאליטישע אקטיוויטעטן דורך מיטגלידער פון COIB.** די טשארטער שטעלט אוועק סטאנדארטן פאר COIB מיטגלידער. זיי מוזן ציינגן זעלבסטשטענדיגקייט, אויפריכטיגקייט, ציווילע פארפליכטיגונג, און הויכע עטישע סטאנדארטן. זיי קענען נישט האלטן אדער זוכן א פובליק אפיס, זיין פובליק ארבעטער, האלטן פאליטישע פארטיי אפיסעס, אדער ערשיינען אלס א לאביאיסט בעפאר די סיטי. די פארגעשלאגענע טשארטער אמענדמענט וואלט ווייטער פארבאטן מיטגלידער פון COIB פון צו אנטיילנעמען אין די קאמפיין פון סיי וועלכע קאנדידאטן פאר אן ערוויילטע סיטי אפיס און רעדוצירן די מאקסימום סומע געלט וואס מיטגלידער קענען ביישטייערן אין יעדע רונדע עלעקשאנס צו קאנדידאטן פאר מעיאר (צו $400), פובליק אדוואקאט (צו $400), קאמפטראלער (צו $400), בארא פרעזידענט (צו $320), און סיטי קאונסיל (צו $250 איטליכער).

די פארגעשלאגענע אמענדמענט וואלט אריינגעגאנגען אין קראפט קראפט זאפארט און וואלט געווען נוגע צו סיי וועלכער מיטגליד געשטעלט פאר COIB, אדער צו ווער עס האט זיין טערמין פארלענגערט, נאך דעם דאטום.

**M/WBE סיטיווייד דירעקטאר און אפיס.** אין איינקלאנג מיט די סיטי טשארטער און די אדמיניסטראטיוו קאוד, ווערט די סיטי'ס מינאריטעט און פרויען-אייגנטומער ביזנעס ענטערפרייז (M/WBE) פראגראם באאויפטראגט מיט שטיצן די סיטי רעגירונג קאנטראקטינג מעגליכקייטן פאר מינאריטעט און פרויען-אייגנטומער ביזנעסעס. אונטער די יעצטיגע מעיארעל אדמיניסטראציע, ווערט די פראגראם קאארדינירט דורך א סיטיווייד M/WBE דירעקטאר וואס באריכטעט דירעקט צום מעיאר און ווערט געשטיצט דורך אן אפיס פון M/WBE'ס אינערהאלב דער מעיאר'ס אפיס. אבער די עקזיסטירנדע געזעץ פארלאנגט נישט אז דאס זאל ווייטער אנגיין. די פארגעשלאגענע טשארטער אמענדמענט וואלט פארלאנג אז, אין אלע צוקונפטדיגע מעיארעל אדמיניסטראציעס, זאל די סיטיווייד M/WBE דירעקטאר באריכטן דירעקט צום מעיאר און ווערן געשטיצט דורך אן אפיס פון M/WBE'ס אינערהאלב דער מעיאר'ס אפיס.

די פארגעשלאגענע אמענדמענט וואלט אריינגעאנגען אין קראפט אין מערץ 31, 2020

**באשטימונג פון די קארפארעישאן קאונסיל.** די סיטי'ס קארפארעישאן קאונסיל איז דער אדוואקאט און קאונסיל פאר די סיטי און פירט די סיטי'ס געזעץ אפטיילונג. די געזעץ אפטיילונג פארטרעט די סיטי, אריינגערעכנט אלע אירע אגענטורן, אין אלע ציווילע ליטיגעישאן, דזשוואוועניל דעלינקווינסי פארהאנדלונגען און אינפארסירונג פארהאנדלונגען אין קרימינאלע געריכט. און צוגאב צו אנדערע אויפגאבעס, טוען געזעץ אפטיילונג אטוירניס שרייבן און איבערקוקן סיטי און ניו יארק סטעיט לעגיסלאציע, ריעל עסטעיט ליעסעס און סיטי קאנטראקטס. די געזעץ אפטיילונג טוט אויך צושטעלן לעגאלע קאונסיל פאר סיטי באאמטע אויף א ברייטע אויסוואל פון אנגעלעגענהייטן. יעצט, ווערט די קארפארעישאן קאונסיל באשטימט דורך דעם מעיאר.

די פארגעשלאגענע טשארטער אמענדמענט וואלט פארלאנגט אז די קארפארעישאן קאונסיל זאל ווערן געשטעלט דורכ'ן מעיאר מיט די ראט און צושטימונג פון די סיטי קאונסיל. דער מעיאר וואלט געווארן פארלאנגט צו מאכן א נאמינאציע ביז 60 טעג פון א ליידיג געווארענע זיץ אדער א דיסבאשטעטיגונג פון א נאמינאציע, און צו מאכן אלע מעסיגע אנשטרענגונגען אנצופילן א ליידיגע זיץ ביז 120 טעג.

די פארגעשלאגענע אמענדמענט וואלט אריינגעאנגען אין קראפט זאפארט און וואלט געווען נוגע פאר סיי וועלכער ליידיגע זיץ אין די אפיס פון קארפארעישאן קאונסיל וואס עקזיסטירט בשעת אדער פאסירט נאך די אמענדמענט'ס באשטעטיגונג.

**פראגע #4: סיטי בודזשעט**

דער פארשלאג וואלט געמאכט עטליכע אמענדמענטס צו די סיטי טשארטער פארבינדן מיט די סיטי'ס בודזשעט און בודזשעטינג פראצעס.

די סיטי טשארטער שטעלט אוועק א דעטאלירטע פראצעס וויאזוי דער מעיאר און סיטי קאונסיל שטעלן אוועק די סיטי'ס בודזשעט יעדעס יאר. אין אלגעמיין, טוט דער מעיאר פארשלאגן א פרילימינערי בודזשעט אין יאנואר, נאכגעפאלגט מיט אן עקזעקיוטיוו בודזשעט אין אפריל. די סיטי קאונסיל נעמט אן די בודזשעט אין יוני, געוועגליך נאך פארהאנדלונגען מיט דער מעיאר, און די בודזשעט איז גילטיג פאר די קומענדיגע פיסקעל יאר, וואס הויבט זיך אן אום יולי 1.

**רעוועניו סטאביליזעישאן פאנד (אויך אנגערופן א "רעגנדיגע טאג" פאנד).** א "רעגנדיגע טאג" פאנד איז א פאנד אין וואס מען לייגט אריין איבריגע רעוועניו פון איין יאר אויף באנוץ אינעם צוקונפט צו העלפן פילן לעכער אינעם בודזשעט וואס קומען, צום ביישפיל, פון עקאנאמישע פראבלעמען, עמערדזשענסיס, אדער אום-פאראויסגעזעענע פארלוסטן פון רעוועניו. "רעגנדיגע טאג" פאנדס קענען צושטעלן אן אנדערע ברירה אויסער העכערן שטייערן און שניידן סערוויסעס אין צייטן ווען עס פעהלט אויס פיסקעלי, אבער עס זענען אצינד פארהאן לעגאלע שטערונגען פון קענען אויפשטעלן א "רעגנדיגע טאג" פאנד פארן סיטי.

איין לעגאלע שטערונג איז אז די סיטי טשארטער פארבאט דאס נוצן רעוועניו וואס מען האט ערהאלטן און אוועקגעלייגט פון איין יאר פון ווערן באטראכט אלס א מיטל פון באלאנסירן א בודזשעט פון א קומענדיגע יאר. די פארגעשלאגענע טשארטער אמענדמענט וואלט צוגעשטעלט אן אויסנאם צו די טשארטער'ס באלאנסירטע בודזשעט פארלאנגען צו ערלויבן געלט פון א "רעגנדיגע טאג" פאנד, ווען אויפגעשטעלט און פאנדעד, צו ווערן גענוצט צו מאכן א באלאנסירטע בודזשעט אין א געוויסע יאר.  עס זענען אויך נויטיג טוישונגען צו סטעיט געזעץ, וואס נעמט אריין פאדערונגען ענליך צו די פארלאנגען פון די סיטי טשארטער, כדי די סיטי זאל קענען נוצן א "רעגנדיגע טאג" פאנד. די יעצטיגע סטעיט פאדערונגען לויפן אויס אין 2033.

אויב די פארגעשלאגענע טשארטער אמענדמענט גייט אריין אין קראפט, און אויב די נויטיגע טוישונגען פאסירן צום סטעיט געזעץ, וועט די סיטי קענען נוצן א "רעגנדיגע טאג" פאנד, אויסגעשטעלט צו אנדערע באגרעניצונגען פון די סטעיט געזעץ וואס רעגולירן דעם באנוץ פון אזא פאנד.

**באשיצטע בודזשעטס פאר די פאבליק אדוואקאט און בארא פרעזידענטס.** די בודזשעטס פאר די אפיסעס פון די עלעקטעד פובליק אדוואקאט און די פינעף ערוויילטע בארא פרעזידענטס ווערן געשטעלט דורך דער מעיאר און די סיטי קאונסיל יעדעס יאר. אנגעהויבן פון פיסקעל יאר 2021, וואלט די פארגעשלאגענע טשארטער אמענדמענט געשטעלט א מינימום בודזשעט פאר די פאבליק אדוואקאט און בארא פרעזידענטס. נוצנדיג יעדע אפיס'ס יעצטיגע פיסקעל יאר 2020 בודזשעט אלס א באזיס ליניע, וואלטן די בודזשעטס געווארן געטוישט אין צוקונפטדיגע פיסקעל יארן לויט די קלענערע פראצענט טויש אין די סיטי'ס סך הכל קאסטן בודזשעט (סיידן געוויסע טיילן אזויווי פענסיע ביישטייערונגען) אדער די ראטע פון אינפלעישאן אין די ניו יארק סיטי מעטראפאליטען געגנט, סיידן דער מעיאר מאכט א שריפטליכע באשטעטיגונג אז די נידריגערע בודזשעט איז פיסקעלי פארלאנגט אין סיי וועלכע יאר.

די פארגעשלאגענע אמענדמענט וואלט אריין אין קראפט זאפארט כדי די מינימאלע פארלאנגטע בודזשעט זאל קענען זיין אין פלאץ פארן פיסקעל יאר פון 2021.

**רעוועניו אפשאצונג.** די סיטי טשארטער פארלאנגט יעצט פונעם מעיאר אריינצוגעבן די סיטי קאונסיל אפשאצונג פון די ערווארטעטע רעוועניוס ביז די קומענדיגע פיסקעל יאר פון קוועלער אויסער פראפערטי שטייערן ביז יוני 5, א דאטום נאך וואס געוויסע קאנסעקווענצן פאסירן אונטער די סיטי טשארטער אויב די בודזשעט איז נאכנישט אנגענומען געווארן.  פאקטיש, אבער, טוט דער מעיאר געווענליך ארייגעבן די אפשאצונג ארום די צייט ווען די בודזשעט ווערט אנגענומען, וואס פאסירט אפטמאל שפעטער ווי יוני 5. די נאן-פראפערטי שטייער רעוועניו אפשאצונג איז וויכטיג טיילווייז צוליב דעם וואס די טשארטער פארלאנגט אז די סיטי קאונסיל זאל שטעלן פראפערטי שטייערן גענוג הויך צו באלאנסירן די בודזשעט (דאס מיינט, גענוג צו ארייינברענגען פאנדס צו אנפילן דעם חילוק צווישן נאן-פראפערטי שטייער

רעוועניו אפשאצונג און די בודזשעטעד קאסטן אויסגעבן) תיכף נאכן אננעמען דעם בודזשעט.

די פארגעשלאגענע טשארטער אמענדמענט, וואס וואלט אריין אין קראפט זאפארט, וואלט פארלאנגט אז דער מעיאר זאל אריינגעבן די נאנ-פראפערטי שטייער רעוועניו אפשאצונג צו די סיטי קאונסיל ווען דער מעיאר גיבט אריין די עקזעקיוטיוו בודזשעט אין אפריל. דער מעיאר קען אפדעיט'ן די אפשאצונג ביז מאי 25. נאך מאי 25, קען דער מעיאר נאר אפדעיט'ן די אפשאצונג ווייטער אויב דער מעיאר מאכט א שריפטליכע באשטימונג פון פיסקעל געברויך.

די פארגעשלאגענע אמענדמענט וואלט אריין אין קראפט תיכף ומיד כדי צו ערלויבן פארן פראצעדור צו זיין אין פלאץ פארן פיסקעל יאר פון 2021.

**צייט פון טוישן בודזשעט.** נאך די סיטי'ס בודזשעט ווערט אנגענומען, קען עס ווערן געטוישט דורך די פיסקעל יאר. אין פיל פעלער, אויב דער מעיאר וויל אפדעיט'ן דעם בודזשעט לויט טוישונגען פון קאסטן אדער רעוועניו אדער צו אריבערפירן געלט באשטימט פאר איין אגענטור אדער פראגראם צו אן אנדערן, מוז דער מעיאר – געוואנדן אויף די נאטור פון די פארגעשלאגענע טוישונגען צום בודזשעט – באקומען די ערלויבעניש פון די סיטי קאונסיל אדער מעלדן פאר די קאונסיל צו צושטעלן א מעגליכקייט פון אפזאגן די פארגעשלאגענע טוישונגען. דער פראצעדור ווערט אפטמאל אנגערופן אלס זוכן א "בודזשעט טויש."

אין צוגאב צו צוגרייטן די סיטי בודזשעט, טוט דער מעיאר אויך צוגרייטן א פינאנציעלע פלאן וואס אנטהאלט אינפארמאציע איבער די יעצטיגע פיסקעל יאר קאסטן און רעוועניו פארדינסטן און ענטהאלט אפט אינפארמאציע איבער נייע פראגראמען אדער בודזשעט שניטן. די סיטי טשארטער פארלאנגט אז די פינאנציעלע פלאן זאל ווערן אפדעיט'עד און ארויסגעגעבן יעדע פערטל יאר דורכאויס די פיסקעל יאר.

די פארגעשלאגענע טשארטער אמענדמענט וואלט פארלאנגט אז אנגעהויבן אין פיסקעל יאר 2021, אז ווען דער מעיאר גיבט אריין א פינאנציעלע פלאן אפדעיט וואס ענטהאלט א טויש צו רעוועניו אדער קאסטן וואס וואלט פארלאנגט אז דער מעיאר זאל זוכן א בודזשעט טויש, מוז דער נויטיגער בודזשעט טויש ווערן אריינגעגעבן צו די סיטי קאונסיל אינערהאלב 30 טעג נאך די פינאנציעלע פלאן אפדעיט.

**<u>פראגע #5: לאנד באנוץ</u>**

דער פארשלאג וואלט געמאכט צוויי אמענדמענטס צו די טשארטער'ס ULURP געזעצן.

די סיטי טשארטער שטעלט אוועק א יוניפארם לאנד באנוץ איבערזוכט פראצעדור (ULURP), וואס שרייבט אויס א צייט אפשניט און סדר פאר פאבליק איבערזוכט און באשטעטיגונג פון לאנד באנוץ אפליקאציעס דורך אנדערע רעגירונג ארבעטערס – קאמיוניטי באורדס, בארא פרעזידענטס, די סיטי פלאנינג קאמיסיע (CPC), און צום סוף, די סיטי קאונסיל. א ברייטע אויסוואל פון לאנג באנוץ אקציעס זענען באאויפטראגט צו ULURP, אריינגערעכנט באשטימען זאונינג דיסטריקטס צו ערלויבן פארשידנארטיגע געדיכטקייטן און באנוץ אין אן ארט; דאס קויפן, פארקויפן אדער ליעסן פון פראפערטי דורך די סיטי, אזויווי קויפן לאנד צו בויען א סאניטעישאן גאראזש; און ספעציעלע פערמיטס צו ערלויבן פראיעקטן וואס זענען נישט אייניג מיט שטרענגע אויספאלגן פון די סיטי'ס זאונינג באשלוסן.

**ULURP פרי-סערטיפיקעישאן נאטיץ טערמין.** ULURP הויבט זיך אן ווען אן אפליקאנט (וואס קען זיין א פריוואטע מענטש, אזויווי א דעוועלאפער, אדער א סיטי אגענטור) געבט פארמאל איין אן אפליקאציע מיט די דעפארטמענט אוו סיטי פאלנינג (DCP) און DCP באשטעטיגט אז די אפליקאציע איז ערגענצט.

די פארגעשלאגענע טשארטער אמענדמענט וואלט פארלאנגט אז די DCP זאל שיקן א דעטאלירטע פראיעקט קיצור צו די אפעקטירטע קאמיוניטי באורד, בארא פרעזידענט, און בארא באורד פאר די DCP סערטיפייד אז די פראיעקט אפליקאציע(ס) איז גאנץ און הויבט אן די ULURP פאבליק איבערזוכט טערמין. די פארלאנגעט פראיעקט קיצור וואלט געדארפט ווערן איבערגעגעבן צו די אפעקטירטע קאמיוניטי באורד, בארא פרעזידענט און בארא באורד נישט שפעטער ווי 30 טעג פאר די אפליקאציע איז סערטיפייד, און פאבלישט דורך די DCP אויף זייער וועבזייטל אינערהאלב פינעף טעג דערנאך. די אפליקאציע(ס) סערטיפייד דורך די DCP וואלטן געדארפט זיין מערסטנס אייניג מיט די פראיעקט קיצור וואס ווערט איבערגעגעבן צו די DCP און פארעפטנטליכט אויף זייער וועבזייטל.

די פארגעשלאגענע אמענדמענט וואלט אריין אין קראפט אום אוגוסט 31, 2020.

**פארלענגערטע ULURP איבערזוכט צייט פאר קאמיוניטי באורדס.** אלס טייל פון ULURP, איינמאל א קאמיוניטי באורד באקומט אן אפליקאציע וואס די DCP האט סערטיפייד אלס גאנץ, האט עס 60 טעג צו מעלדן פארן פאבליק, האלטן א פאבליק הירינג, און אריינגעבן אירע שריפטליכע פארשלאגן צו די סיטי פלאנינג קאמישען (CPC) און די אפעקטירטע בארא פרעזידענט. די טשארטער פארלאנגט אז קאמיוניטי באורדס זאלן פירן כאטש איין פאבליק הירינג יעדע חודש, סיידן אז אזעלכע הירינגס ווערן אין אלגעמיין נישט פארלאנגט אין יולי און אוגוסט. טייל קאמיוניטי באורדס קענען נישט האלטן די פארלאנגטע ULURP הירינג דורכאויס די זומער חדשים, און דאס מאכט עס שווער אדער אוממעגליך פאר זיי צו מאכן די פארשלאגן צו די CPC און בארא פרעזידענט.

די פארגעשלאגענע טשארטער טויש וואלט צוגעשטעלט נאך צייט צו א קאמיוניטי באורד דורכאויס די ULURP פראצעס צו איבערגיין, האלטן א פאבליק הירינג, און ארויסגעבן אירע פארשלאגן פאר די אפליקאציעס וואס ווערן סערטיפייד צווישן יוני 1 און יולי 15 פון די קאלענדער יאר. ספעציפיש, וואלט די פארגעשלאגענע אמענדמענט צוגעשטעלט אז די קאמיוניטי באורד זאל האבן 90 טעג (אנשטאט 60) צו איבערגיין ULRUP אפליקאציעס וואס זענען סערטיפייד אין יוני אין 75 טעג (אנשטאג 60 טעג) צו איבערגיין אפליקאציעס וואס זענען סערטיפייד צווישן יולי 1 און יולי 15.

די פארגעשלאגענע טוישונגען וואלטן אריין אין קראפט זאפארט.